**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/11/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 38 מיליאן דאלארדיגע בריק ערזעצונג פראיעקט אויף סאו מיל ריווער פארקוועי אין וועסטשעסטער קאונטי

***צוויי נייע בריקן צווישן עקזיט 26 און 28 אין פלעזענטוויל צו פארשטערקערן באפעסטיגונג קעגן שווערע וועטערס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די הויפטזעכליכע קאנסטרוקציע איז פארענדיגט געווארן אויף צוויי נייע בריקן וואס פירן אריבער די סאו מיל ריווער העכער די סאו מיל ריווער אין די ווילעדזש אָוו פלעזענטוויל אין וועסטשעסטער קאונטי. שטייענדיג צווישן עקזיט 26 און 28 אויף די פארקוועי, וועלן די נייע בריקן ווי אויך א נייע סטאביליזירטע 1.3 מייל-לאנגע שטרעקע פון די שאסייען נעבן די צוויי בריקן פארשטערקערן די זיכערהייט און באפעסטיגונג לענגאויס א קריטיש וויכטיגע פאסאנזשיר שאסיי – וואס ערמעגליכט צוטריט צו די גאווערנער מאַריאו מ. קואמאו בריק און צו די ניו יארק סטעיט טרו-ווער – וואס איז אויסגעשטאנען פארפלייצונגען דורכאויס שווערע רעגנס. די ארבעט וואס האט געקאסט בערך 38 מיליאן דאלאר איז דורכגעפירט געווארן אלץ טייל פון אן אנגייענדן 115 מיליאן דאלארדיגן פראיעקט צו ערזעצן אדער רענאווירן עטליכע בריקן אין לאָווער וועסטשעסטער קאונטי צו בעסער קענען אויסשטיין שווערע וועטערס און צו פארבעסערן א רייזע אריבער די פארנומענע שאסייען.

"וועסטשעסטער קאונטי איינוואוינער וועלכע פארן צום ארבעט אויף די שאסייען זענען גאר באקאנט מיט די סאו מיל ריווער פארקוועי'ס היסטאריע פון פארפלייצונגען דורכאויס גרויסע רעגן שטורעמעס און מיט די קאפווייען וואס דאס ברענגט אן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די פארענדיגונג פון די צוויי נייע בריקן, שרייבן מיר א נייע קאפיטל אין די היסטאריע פון די סאו מיל, מאכנדיג עס מער באפעסטיגט קעגן שווערע וועטער און פארשטערקערנדיג די קריטיש וויכטיגע שאסיי פאר פילע צענדליגע יארן אין די צוקונפט."

אנגעהויבן אין די זומער פון 2020, האט דער פראיעקט ערזעצט די צוויי בריקן וועלכע זענען געבויט געווארן אין 1930 מיט מאדערנע בריקן געמאכט פון איין שטיק (ספּען) און מיט אייזענע גירדער זיילן, שטייענדיג עטליכע פיס העכער פון די אריגינעלע סטרוקטורן, קענענדיג בעסער אויסשטיין פארפלייצונגען. די דערנעבנדע שאסייען וועלכע זענען געווען אויסגעשטעלט זיך צו איינזינקען אין די ערד זענען סטאביליזירט געווארן מיט כמעט 5000 האלצערנע שיכטן וועלכע זענען פארזיכערט געווארן צו ווערן א מער סאלידע ערד. נייע אפלויף סיסטעמען מיט א גרעסערע קאפאציטעט זענען אויך צוגעלייגט געווארן צו ערמעגליכן שטורעם וואסער אפלויף. דורכאויס קאנסטרוקציע איז די פעך פון די אלטע בריקן ריסייקלט געווארן און גענוצט געווארן אויף די שאסיי פאר די נייע בריקן, און ארטיגע געוויקסן זענען איינגעפלאנצט געווארן צו העלפן פארשענערן און באשיצן די לאנדשאפט.

אלץ טייל פון די גרעסערע לאָווער וועסטשעסטער בריקן פראיעקט (Lower Westchester Bridge Bundle) האט די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט (Department of Transportation, DOT) אויך ערזעצט די East Lincoln Avenue בריק העכער די האָטשינסאן ריווער פּארקוועי און די האָטשינסאן ריווער אין די ווילעדזש אָוו פעלהעם און מאונט ווערנאן סיטי, און עס האלט אינמיטן ערזעצן די יו. עס. רוט 1 בריק העכער מאמעראנעק ריווער אין מאמעראנעק. די פראיעקטן וועלכע זענען קאנצעטרירט צו פארבעסערן די אפלויף סיסטעמען און צו איבערבויען שאסייען וועלכע ווערן גרינג פארפלייצט וועלן פארשטערקערן זיכערהייט און די ראיאן'ס באפעסטיגונג דורכאויס שטורעמעס. דער אלגעמיינער פראיעקט איז ערווארטעט צו זיין פארענדיגט ביז די ענדע פון 2023.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט קאמישאנער מערי טעריזע דאמינגעז האט געזאגט,** "גאווערנער האקול פארשטייט די קריטישע ראלע וואס אינפראסטרוקטור שפילט אין די וואוילזיין פון א קאמיוניטי און ווי וויכטיג עס איז אז מיר זאלן צוריקבויען בעסער צו קענען קאנפראנטירן די כסדר-וואקסנדע סכנה וואס קלימאט טויש שטעלט פאר אונז. דורכן פארשטערקערן די באפעסטיגונג פון אונזער טראנספארטאציע נעטווארק מיט סטראטעגישע אינוועסטירונגען ווי די וואס מיר מאכן אין וועסטשעסטער קאונטי, העלפן מיר האלטן מענטשן און סחורות אין באוועגונג אפגעזעהן פון די השפעות פון שווערע וועטערס."

**סטעיט סענאטאר דזשאמאַל בעילי האט געזאגט,** "באפעסטיגטע טראנספארטאציע נעטווארקס זענען קריטיש צו קענען בויען בליהענדע קאמיוניטיס. די פארענדיגונג פון דעם בריק ערזעצונג פראיעקט אויף די סאו מיל ריווער פּארקוועי איז א געוואלדיגע דערגרייכונג פאר וועסטשעסטער קאונטי. דער פראיעקט – צוזאמען מיט די אנדערע אנגייענדע בריק רענאוואציע פראיעקטן אריבער גאנץ וועסטשעסטער – וועט העלפן אדרעסירן צענדליגע יארן פון פארפלייצנוגען און אפלויף סיסטעם פראבלעמען וועלכע פלאגן שוין פון לאנג מענטשן וואס פארן אריבער די שאסייען, און עס וועט העלפן אריינברענגען אונזער טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור אריין אין א נייע עפאכע פון פארמערטע באפעסטיגונג און זיכערהייט פאר די מענטשן וואס פארן דערויף. איך וויל באדאנקען גאווערנער קעטי האקול, די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט און אונזערע סטעיט און קאונטי שותפים פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו די ערפאלגרייכע פארענדיגונג פון דעם פראיעקט."

**סטעיט סענאטארשע שעלי מאַיער האט געזאגט,** "איך פריי זיך מיט די היינטיגע אנאנס, אז די גאווערנער'ס בריק ערזעצונג פראיעקט אויף די סאו מיל ריווער פּארקוועי איז פארענדיגט געווארן און אז ארבעט איז יעצט אונטערוועגנס צו פארבעסערן די יו. עס. רוט 1 בריק אין מיין דיסטריקט אין די ווילעדזש אָוו מאמעראנעק. זיכערהייט און באפעסטיגונג קעגן פארפלייצונגען זענען הויפט פריאריטעטן אין אלע אונזערע קאמיוניטיס, און אונזערע בריקן און שאסייען דארפן פארבעסערט ווערן צו קענען האנדלען מיט די עכטע שוועריגקייטן פון פארמערטע פארפלייצונגען. איך בין דאנקבאר אז גאווערנער האקול און די טראנספארטאציע דעפּארטמענט אינוועסטירן אין אזעלכע פארבעסערונגען אריבער גאנץ וועסטשעסטער וואו פארפלייצונגען פון שאסייען בלייבט א כסדר'דיגע פראבלעם. איך באדאנק די קאמישאנער און די איינגעשטעלטע פון די ניו יארק טראנספארטאציע דעפּארטמענט און יעדער איינער וואס האט געארבעט אויף די פראיעקטן, פאר זייערע באמיאונגען צו פארזיכערן אז די בריקן זענען זיכער און באפעסטיגט פאר די מענטשן פון וועסטשעסטער און ניו יארק סטעיט."

**אסעמבלי מיטגלידערין מערי דזשעין שימסקי האט געזאגט,** "מיט די פארענדיגונג פון דעם בריק ערזעצונג פראיעקט, האט ניו יארק סטעיט אדרעסירט א היסטארישע פארפלייצונג-געפלאגטע שטרעקע אויף די סאו מיל ריווער פּארקוועי צו העלפן די מענטשן פון פּלעזענטוויל און אלע וועלכע פארן אריבער די געגנט. קאנסטרוקציע איז געווען לאנד און שווער פאר די מענטשן וועלכע נוצן די פּארקוועי און אזוי אויך פאר די ארטיגע איינוואוינער, אבער די נייע בריקן און פונדאסניי-סטאבליזירטע שאסייען וועלן פארבעסערן זייערע לעבנס. דער פראיעקט איז א געוואלדיגע ביישפיל פון גענוי די סארט אינוועסטירונגען

וואס מיר מוזן מאכן צו צוריקבויען אונזער אינפראסטרוקטור אין א וועג וואס איז באפעסטיגט פאר די קלימאט און פריינטליך צו די ענווייראמענט. איך לויב אויס גאווערנער האקול'ס אדמיניסטראציע און די טראנספארטאציע דעפארטמענט פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן די פארעלטערטע אינפראסטרוקטור אין מיין דיסטריקט און אריבער די גאנצע ראיאן."

**אסעמבלי מיטגליד דזש. גערי פרעטלאָו האט געזאגט,** "גאווערנער האקול זעצט פאר צו פארבעסערן די אינפראסטרוקטור פון קריטישע געגנטער אין אונזער סטעיט צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר יעדן. די איינוואוינער פון די 89'סטע אסעמבלי דיסטריקט נוצן די סאו מיל ריווער פארקוועי פאר פארשידענע סיבות. איך בין פרייליך אז זייער און אלע ניו יארקער'ס זיכערהייט איז פארשטערקערט געווארן דורך די פארענדיגונג פון די צוויי נייע בריקן. די 89'סטע אסעמבלי דיסטריקט איז דאנקבאר פאר די ארבעט וואס איז געטוהן געווארן אין אונזער דיסטריקט, אין וועסטשעסטער און אין די גאנצע סטעיט, און מיר קוקן אלע ארויס צו מער דעוועלאפמענטס די יאר."

דרייווערס ווערן ערמוטיגט צו פארן שטייטער און צו דרייווען פאראנטווארטליכערהייט אין ארבעט'ס זאנעס. קנסות זענען געטאפלט פארן פארן שנעל אין אן ארבעט'ס זאנע. געפונען ווערן שולדיג פאר צוויי אדער מער פארלעצונגען פון פארן שנעלער ווי ערלויבט אין אן ארבעט'ס זאנע קען ברענגען אז דעם מענטשן'ס דרייווער'ס לייסענס זאל ווערן סאַספענדעד.

פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער די געסער, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע NY511 טעלעפאן עפּ. פאַלאָוט ניו יארק סטעיט DOT אויף Twitter: @NYSDOT און @NYSDOTHV. טרעפט די NYSDOT אויף Facebook ביי facebook.com/NYSDOT.

###

נאך נייעס איז דא צו לייענען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן